MusicOnTime

לה׳ הארץ ומלואה



# מדריגות

שמילי אונגר

MusicOnTime

בס"ד

# א שטיקל בריוון פאר די צוהערער

ראש חודש כסלו תשפ"א לפ"ק
עירמאנט ניו יארק יצ"ו

ממדריגה למדריגה תעלינו, איז וואס מיר בעטן כסדר. א איד איז א הולך וואס דארף אלעמאל פרובירן צו שטייגן העכער און העכער.



נאך לאנגע וואכן און חדשים פון ארומגיין צו קאָמפּאָזערס, מוזיקאנטן און שרייבערס און זוכן שיינע באַ'טעמ'טע ניגונים מיט גוטע מעסעדזשעס וואס קען אונז ברענגען נענטער צום באשעפער, איז מיר געלונגען (אזוי האף איך) צוזאמצושטעלן דעם חסידישן אלבום **"מדריגות".**

אין דעם אלבום דא וואס איר האט געקויפט און הערט יעצט אויס, איז די מעסעדזש פון מדריגות אויסגעגאסן פון אלע זייטן. אנגעהויבן פון "נישטא א פאלק וואס האט, ווי אונזער ליבער גאט", ביז "וועלן אנקומען צו זיין א ירא שמים" און אלעס אינדערמיט.

MusicOnTime®

כ׳מוז מיטטיילן מיט אייך אז דאס איז געווען זייער א שווערע ארבייט און א לאנגע און אויסמאטערנדע רייזע. איך וואלט עס קיינמאל נישט געקענט טון אן דעם וואס דער באשעפער זאל מיר געבן די ריכטיגע כוחות און ענערגיע יעדן איינציגן טאג. הייליגער באשעפער, איך דאנק דיר אויף אלעם וואס דו האסט געטון מיט מיר ביז אהער, און אוודאי בעט איך אויף סייעתא דשמיא אויף ווייטער און ווייטער.

והשנית וויל איך אויסדריקן מיין הכרת הטוב פאר מיין ווייב וואס איז זיך ממש מוסר נפש אז איך זאל קענען טון וואס איך טו און משמח זיין אידישע קינדער. עטס ווייסט נישט ווי שווער ס׳איז אליין קעיר צו נעמען פון צוויי קליינע קינדערלעך נאכט נאך נאכט. אבער זי ווייסט און פארשטייט אז דאס איז א הייליגע ארבייט און פארדעם קומט זיך איר אלע קרעדיט אין דער וועלט! אויך ווען ס׳איז געקומען צו ארויסגעבן דעם אלבום איז זי מיטגעשטאנען אויף טריט און שריט מיט ענדלאזע געטריישאפט, ושלי ושלכם שלה הוא.

אצינד אבער הויבט זיך אן די שווערע און אחריות׳דיגע ארבעט צו זען ווער קען מיך העלפן ברענגען די אורות מכח אל הפועל? האט מיר דער בורא עולם אונטערגעשיקט צוויי הייליגע ברידער וואס זיי זאלן זיין די ריכטיגע שליחים דאס צו טון: **נפתלי שניצלער און הערשי וויינבערגער!**

**נפתלי משה,** דיין ברייטע מוזיק פארשטאנד, צוזאמען מיט דיין טיפע געפיל וואס דו האסט, איז אין לשער! אנגעהויבן פון שרייבן די מוזיק ביז צו רעקארדירן, עדיטן, מיקסן און מעסטערן. דיינע פינגער אפדרוקן זענען איבעראל. דו ביסט א מתנה וואס כלל ישראל האט זוכה געווען צו באקומען, ווען נישט דיין איבערגעגעבנקייט און דעדיקאציע, וואלט איך נאך יעצט געווען ביי מדריגה אלף!

**הערשל,** דו ביסט דער סגול וואס ברענגט אונז דריי צוזאמען. ווען נפתלי האט דיר באקאנט געמאכט צו מיר פאר דריי יאר צוריק, האבן מיר אלע נישט געהאט קיין השגה וואו דאס גייט אונז טראגן. דיינע כשרונות און טאלאנטן זענען ווי טייערע פערל.

איז רבותי, ווען איר הערט אויס דעם דיסק זאלט איר וויסן ווער באמת ס׳שטייט פון הינטער די קוליסן, און זענען מקריב זייער צייט און כוח אייך צו ברענגען דאס בעסטע וואס ס׳איז דא צו באקומען אין חסידישער נגינה.

שמואל דוד

MusicOnTime

HOUSE OF MUSIC LABEL

# מדריגות שמילי אונגר

## מדרגה א'

01 קל אדון
02 אין קדוש
03 כולם אהובים
04 בני היכלא

## מדרגה ב'

05 כתר מלוכה
06 לך
07 בנים
08 יוסף מוקיר שבת
09 תפילתי
10 שאו

## מדרגה ג'

11 ה' הוא האלוקים
12 מדריגות
13 אמן
14 ירא שמים

מקהלת נרננה

HERSHY WEINBERGER

MusicOnTime

# מדרגה
# א׳



די ניגון האב איך
געהערט די ערשטע
מאל אין ישיבה
פון פארשעי רב,
דעם פלעגט ער
פארזינגען ביים
פארענדיגן די בָּאטָע
פרייטיג צינאכטס,
סיז מיר זייער
געפאלן אין געבליבן
אין די ביינער.

כ׳וויל צולייגען אז
ס׳ווערט געזאגט
בשם רבי משה
מקוברין זי״ע:
קל אדון על כל
המעשים איז א
תירוץ אויף אלע
קשיות...

## קל אדון

קל אדון על כל המעשים ברוך ומבורך
בפי כל הנשמה גדלו וטובו מלא עולם.

תפלת שחרית שב״ק, בנוסח ק״ק ספינקא

01

# אין קדוש

לחן: ר׳ ישראל באדאנסקי

אין קדוש כה׳, כי אין בלתך,
ואין צור כאלוקינו.
נאר דו בוסט אונזער גאט.

כי מי אלוקי, מבלעדי ה׳.

נישטא א פאלק וואס האט,
ווי אינזער ליבער גאט,
ניין ניין ניין.

שמואל א׳ ב, ב



השיר הוקדש עבור הניסים שהקב״ה הראה לי
לאחרונה כשהייתי מעורב בתאונת דרכים ל״ע

MusicOnTime

מדרגה א׳

## 03



לחן: ר׳ שלמה קאליש

כולם אהובים, כולם ברורים,
כולם גבורים, כולם קדושים,
וכולם עושים באימה וביראה
רצון קוניהם, וכולם פותחים
את פיהם, בקדושה ובטהרה,
בשירה ובזמרה, ומברכין,
ומשבחין, ומפארין, ומעריצין,
ומקדישין, וממליכין.

די ניגון איז שוין אינדרויסן
א לענגערע צייט, און ווערט
געזינגען אין די בעלזא הויפן.
און דאס פלעגן מיר זינגען
מיט די שירה כאר, שבת ביי
די צופרי סעודות.
און איך האלט שוין אן אויג
אויף דעם נאך פאר שמילי–2.

תפלת שחרית

# כולם אהובים

# בני היכלא

לחן: ר׳ הערשל וויינבערגער
תודה מיוחדת לר׳ ישעי׳ גרוס

בְּנֵי הֵיכְלָא דְּכָסִיפִין
לְמֶחְזֵי זִיו דִּזְעֵיר אַנְפִּין,
יְהוֹן הָכָא בְּהַאי תַּכָּא דְּבֵהּ
מַלְכָּא בְּגִלּוּפִין.
קְרִיבוּ לִי חֲזוּ חֵילִי
דְּלֵית דִּינִין דְּתָקִיפִין.

זמירות לשל״ס
נתחבר ע״י האר״י הקדוש



This song is dedicated to my dear mother.

04


MusicOnTime
מדרגה
ב׳
05
כי לו נאה
כי לו יאה
כתר מלוכה.
נוסח תפילת גשם בתנועה
מיוחס להרה״ק רבי ר׳ צבי הירש
מרימאנאוו זי״ע
כתר מלוכה

MusicOnTime®

מדרגה ב'

# 06

# לך

לחן: ר' הערשל וויינבערגער

אדיר במלוכה בחור כהלכה
גדידיו יאמרו לו לך
לך ולך, לך כי לך, לך אף לך
לך השם הממלכה כי לו נאה
כי לו יאה כתר מלוכה

דו טאקע דו,
הוא רק הוא,
הקב"ה,
דו ביסט אייביג דא,
מיר ווארטן דאך שוין,
זאלסט אנטוהן דיין קרוין,
כתר מלוכה לך



פיוט אדיר במלוכה,
הגדה של פסח

MusicOnTime



מדרגה ב׳

# 07

לחן: ר׳ נפתלי משה שניצלער

ותאמר אל יעקב הבה לי בנים.
איך בעט דיר
געב מיר ערליכע קינדערליך,
איך בעט דיר
געב מיר וואוילע קינדערליך,
איך זאל קענען שטאלצירן,
אין זיי אונטערפירן,
אוצר׳ל נשמה׳לע מיין קינד.

בראשית ל, א

# בנים

This song is dedicated to all those struggling to start a family. May you be **זוכה** to your own **אוצר׳ליך** and **נשמה׳ליך**.

MusicOnTime®

מדרגה ב׳

08

# יוסף מוקיר שבת

לחן: ר׳ יונה ליפשיץ
מילים: ר׳ הערשל וויינבערגער

געווען אמאל א יודעלע
וואָס געהייסען האט ער אזוי,
יוסף, אין געוואוינט נעבן אים,
האט זייער א רייכע גוי,
אינעם גאנצען שטעטל האט מען אים
געקענט אלץ יוסף מוקיר שבת.

מיט מסירות נפש אן א שיעור –
א יעדע איינציג וואך איז ער,
ארויס אין מארק – כאטש – קיין געלט
האט ער, אבער –דאך – מוז ער,
איינקויפן די שענסטע און די בעסטע
פאר אים אן עונג שבת.

יעצט דער גוי דער שכן הערט פון זיינע
שטערן–זעהער יעדן טאג אז,
– דיין גאנץ עשירות געלט און כבוד
וועט פאר יעדע פרייז,
אנקומען צום אידעלע דער זיס
באחנט׳ער יוסף מוקיר שבת.

אָאָהה, מאכט ער צו זיך א פלאן און טוט
אויף דעם שנעל איינגיין,
פארקויפט זיין גאנץ פארמעגן און מיט
דעם געקויפט א טייער שטיין,
אין זיין הוטל נייעט עס צו – אבי –
נישט פאר יוסף מוקיר שבת.

און א יעדע וואך,
ביי זיך אין קאך,
יוסף פרעגט: איז דא אפשר דאך,
וואס נאך קען מען איינקויפן פאר שבת?

אן ארימאן,
קיין געלט פאראן,
די שענסטע בעסטע דארף אבער זיין,
געבט ער אוועק אלעס פון זיך פאר שבת.

איין פרייטאג דער גוי ער גייט,
אויפן שמאָלן בריק ער שטייט,
עס בלאזט א ווינט א שווערן,
די שטורעם עס לאזט נישט אָפּ,
זיין הוטל פליהט אראפּ,

דאס שטיין טוט זיך איבערקערן,
אינעם גרויסן ים אריינגעפאלן,
פארשווימען מיט די רוישיגע וואַלן,
ס׳קומט א פיש און די דיימאנט שטיין
שלינגט ער איין.

מיט קולות שרייט דער גוי,
מיין גאנץ פארמעגן – אוי!,
געבליבן אן גארנישט,
א פיש כאפער ביים אנדער עק,
זיצט זיך באקוועם ביים ברעג,

## מדרגה ב׳

און געכאפּט האט ער
אט די פיש,

צום מארק ער שלעפט זיך
מיט די נעצן,
ביי זיין טישל טוט זיך
אוועקזעצן,
ביז דערווייל ווערט נאר נענטער
און שפּעטער צום זמן.

לכבוד שבת קודש...

אין מארק עס לויפט ארום א
יוד – וואס ווארט נאך האפט נאך
און נישט רוהט,
ער זיכט די בעסטע פעטסטע
פיש אין מארק וואס פאר אים
וועט זיין גוט,

איך פרעג אייך ווער – אויב נישט
ער – דאס קען נאר זיין יוסף
מוקיר שבת.

פונדערווייטנס זעט ער אט דער
הויכער – פיש כאפער – אונזער
סוחר,
ער געט א וואונק – זאג נאר זאג
– דו ביסט דער מוכר?
{ניין ניין ער...},

מיט זיין פישל גייט זיך – און
פארשטייט זיך – אז מ׳גרייט זיך
– צו צום גרויסן שבת.

יום השישי,
עדות זאגט די גאנצע בריאה,
יוסף׳ס פנים לייכט נאכאמאל
געהאט די זכי׳,
מכבד זיין – מהדר זיין –
אוועקגעגעבן אלעס פאר׳ן שבת.

שליו ודגים אריינבראַכט ער –
מכל טוב ביים שבת טיש׳קע,
א שמחה דעם פיש אויפמאכט
ער – פלוצלינג זעט מען
עפעס בלישקע׳ט,

אויגן אפן – כ׳האב געטראפן
– א בריליאנט!,
אלס אין זכות פון שבת.

און א יעדע וואך,
ביי זיך אין קאך,
נאך אלס ער פרעגט:
אפשר דאך,
וואס נאך קען מען
איינקויפן פאר שבת?

שוין א רייכער מאן,
פול געלט פארהאן,
די שענסטע בעסטע
מוז אבער אייביג זיין,
געבט ער אוועק פון זיך
אלעס פאר שבת.

מיין ברודער טראכט
אריין דערין,

און ווען דו זאלסט
נאר וויסן פון,
די גרויסע שפע וואס מ׳האט,
מיט שבת ווען דו
געבסט זיך אפ,
ברכות דו ברענגסט אראפ,
מתנות פון אונזער גרויסן ג–ט.

די וואכן טעג טוט
דאך אנשטרענגען,
ווי שיין אבער קענען
מיר פארברענגען,
די משפחה די קינדערלעך
ביי דיין שבת טיש ארום.

לעכטיג מאך דיין געצעלט,
שפאר נישט צייט קיין
כח געלט,
יותר מכפי יכלתו,

פאר שבת א תענוג,
ווייל כל המענג,
את השבת נותנים לו.

געב זיך מיט איר אפ כראוי,
די זיסקייט, די שיינקייט,
די הנאה,
מ׳קען דאס נישט באצאלן
אפילו פארן גרעסטען סכום.

לכבוד שבת קודש...

מיין נאמען איז נישט יוסף,
אבער איך בין א מוקיר שבת.

MusicOnTime®

מדרגה ב׳

# 09 תפילתי

לחן: ר׳ פנחס מרדכי וועבער

ואני תפילתי לך
ה׳ עת רצון, אלוקים
ברב חסדך ענני באמת ישעך.

טיף אין הארץ דארט עס ליגט,
פיל בקשות וואס דריקט,

אבער זאגן דיר איז אמאל שווער,
אויסצידריקן א יעדע באגער.

טיף אין הארץ דארט עס ליגט,
פיל תפלות וואס דריקט,
פארשריבן אויף מיין הערצע׳לע איר,
איך ליין עס ארויס דארט פון מיר.

תהלים סט, יד

# 10 שאו

לחן: ר׳ הערשל וויינבערגער

שאו שערים ראשיכם,
והנשאו פתחי עולם,
ויבוא מלך הכבוד,
מי זה מלך הכבוד,
ה׳ עזוז וגבור ה׳ גבור מלחמה.
שאו שערים ראשיכם ושאו פתחי עולם
ויבא מלך הכבוד
מי הוא זה מלך הכבוד
ה׳ צבאות הוא מלך הכבוד סלה.

תהלים כד, ז



MusicOnTime
מדרגה
ג׳
11
ה׳ הוא
האלוקים
נוסח תפילת נעילה,
יום הכיפורים

MusicOnTime®

# מדריגות

לחן: ר׳ הערשל וויינבערגער
**Featuring:** Naftali Schnitzler

ממדרגה למדרגה תעלינו.

יש מדריגות רבות,
בין עובדי השם,
וכולן יושבין לפניו,
להנאות, מזיו שכינתו.

ע״פ תפלת הר״ר אלימלך מליזענסק זי״ע,
וספר נדחי ישראל להחפץ חיים פרק מו

תודה מיוחדת לידידי היקר,
לומד איתי בחברותא הראש
ישיבה ר׳ בערי וועבער
שליט״א על עזרתו הנאמנה
להביא שיר זה לאור עולם



12

MusicOnTime

# אמן 13

לחן: ר' נפתלי משה שניצלער

אמן, ישועות מיט רפואות – ענטפערט'ס אמן,
פרנסה בהרחבה – ענטפערט'ס אמן,
עלינו ועל כל ישראל – אמן.

השפעות משמי מעל,
פאר'ן פרט און פאר'ן כלל,
פון דיין גרויסע קוואל,
עלינו ועל.

ענטפערט'ס אלע ווייל,
די ברכה זאל זיין חל,
עלינו ועל,
כל ישראל אמן!

# 14 ירא שמים

לחן: ר' הערשל וויינבערגער
**Featuring:** Hershy Weinberger

לעולם יהא אדם, ירא שמים.

טאטע, טאטע, טאטע, איך וויל זיין,
א ירא שמים.

תודה מיוחדת לרעי ואהובי ר' ליפא שמעלצער שהעניק לי מזמנו בלי שיעור.

מדרגה ג'

MusicOnTime

# אַנערקענונג פאר מיינע נאנטע וואס שטייען מיר צו דער האנט

דוד קויפמאן Dart Media

חיים׳ל לאוב Got Us Media

מנחם מלמד Kol Haolam

יידל קאהאן פלאָפּס

וועלוול דער פעלדמאן

שלום וגשל מיין ברידער אין ארץ ישראל

נפתלי_עס גרופ

ליפא שמעלצר

שמעי ענגל

מושי אייזענבערג Nigun to go

בערי וועבער

מושי קרויס

## דאַנקבאַר

מיינע צוויי לעכטיגע קינדער יענקי און רבקי,
עט׳ס זענטס מיין גאנצע וועלט!
מתנות פון אינזער גרויסען גאט.

## קאַלעגעס

אברמי שרייבער Freilach | צבי בלומענפעלד Freilach
ייצי שווארץ A Team | מענדי הערשקאוויטש Sababa
ארי טייטלבוים The Band | לוי לעסין | ברוך יודא גראס
יוסי ודוד שטענדיג | אברמי בערקו | מאטי מיללער
שימי לעווי | יענקי בריסקמאן | דוד ברנטה
אבא בערקאוויטש Lev | יענקי אורלנסקי Yedidim
יואלי הארוויץ Shira | יואלי פאלאטשעק Zemiros

## גוטע שלוחים

אראד׳ע רב מ׳גרייט זיך צום חתונה | ישראל בעסער משפחה
שמעון כהן Voice Teacher | גרשי מאשקאוויטש
מנחם טוקר קול חי | יואלי דיקמן קול ברמה
אילן שניצער I & Me Media | שמילי קעניג The Best Neighbor
זלמי דאנציגער Trainer | עקיבא שפיצער Accountant
שרולי מאיער | יוסי צווייג | יוסי רוזנבום
משה אליעזר ליעבערמאן | שלומי שווימער
וועלווי שמעלצער | מלך ה׳דרייווער׳ס | שלומי גרינוואלד

MusicOnTime®

# Credits:

HOUSE OF MUSIC

**Music Produced, Arranged, and Mixed by:**

House of Music Label

Naftali Schnitzler

**Project Manager:**

Yoely Freund

**Creative Director:**

Hershy Weinberger

**Musicians:**

Drums: Avi Avidani, Gal Kershovski

Guitar: Nachmen Dreyer, Avi Singolda

Brass: Dani Flam and co.

Strings: Esession Strings, LA CA

Woodwinds: Dor Assraff

Qanun: Amir Aleiv

Accourdian: Ebraheem Shoupash

**Choir:** Neranenu

יעקב רוזמרין | רובי טאוב

יצחק רוגוז׳ינסקי | ישראל ברגמן

**Choir Recoded at:**

AS Studio

אברומי שטרנפלד | יצחק שור

**Kids Choir:**

Shia Rosen | SYR Studios

**Marketing / Advertising:**

Yoel Fried | FriedCo Media

**Concept + Design:**

Yanky Perl | GCNY Marketing

MusicOnTime®

# ממדרגה
# למדרגה
# תעלינו



© 2020 Shmueli Ungar. All Rights Reserved.